בלוטיקע טעג

ראָמאַן פון אידישן לעבן אין דער צייט פון די ערשטע יאָרן פון דער וועלט מלחמה

פון י. נאָרמאַן

(פאָרזעצונג)

— וואָס איז דאָס פאַר זאַך? צו וועלכן צוועק איז ער געבויט געוואָרן? איז דאָ געווען אַ פאַרזאַמלונגס פּלאַץ פון רעוואָלוציאָנערן? פאַר אַ געהיימער רעליגיעזער סעקטע, אָדער גאָר פאַר פאַרליבטע?

אָבער דאָ איז ניט געווען קיין ברעקל מעבל, וואָס זאָל אָנווייזן, אַז מענשן האָבן זיך דאָ ווען פאַרזאַמלט.

אָדער פיליכט ליגט דאָ ערגעץ באַהאַלטן אַן אוצר. האָט אַ בליץ געטאָן אין לעמקעס קאָפּ. ער האָט געהערט, אַז אין די אַלטע צייטן האָבן די רייכע באַראָנען און פירסטן באַהאַלטן זייערע רייכטימער אין שאַפּקאַמערן טיף אין דער ערד; פּילייכט פון גאָלד און בריליאַנטן.

געלט גייציק ווי לעמקע איז געווען, און האָפנדיק אַז ער וועט דאָ געפינען אַן אוצר האָט ער איצט פאַרגעסן אַן אַלע געפאַרן און ער האָט אָנגעהויבן אַרומצוזוכן אין אַלע ווינקעלאַך, פיליכט וועט ער דאָ געפינען אַן אוצר.

אויף איין פּלאַץ האָט זיין שאַרפע אויג באַמערקט אַז אַ ברעט אין דעם באָדן אין הויז איז לויז, עס איז ניט געווען אַזוי פעסט צוזאַמענגעשלאָסן ווי די אַנדערע ברעטער. ער האָט געפּרואווט דאָס ברעט רירן פון אָרט און עס האָט זיך געלאָזט אויפהויבן און דאָ האָט לעמקע באַמערקט ווידער אַ טונקעלע עפענונג, וואָס האָט געפירט ערגעץ אין דער טיפעניש.

זאָל ער זיך אַרונטערלאָזן?

דער גייציקער דייטשער קאָמאַנדיר איז געווען אַזוי שטאַרק פאַרקאָכט אין דעם געדאַנק אַז דאָ מוז זיך ערגעץ געפינען אַ באַהאַלטענער אוצר, דאָס ער האָט ניט לאַנג געטראַכט און ער איז אַראָפּגעגאַנגען אין דער טונקעלער עפענונג.

די ליכט וואָס עס האָט אַריינגעשיינט אין זאָל האָט צו אים ניט דערגרייכט, און טאַפּנדיק אַרום זיך אין דער פינסטער האָט ער פאַרזיכטיק געשטעלט זיינע טריט. אַלע זיינע גלידער האָבן געפיבערט פון דערוואַרטונג, אַז אָט אָט און ער וועט געפינען דעם באַהאַלטענעם אוצר.

דאָך פּלוצלונג האָט ער אַרויסגעשטויסן אַ שרעקנס געשריי, דען זיינע פינגער, וועלכע האָבן געטאַפּט אין דער פינסטער, האָבן איצט באַרירט עפּעס, וואָס האָט אים אויפגעשוידערט און אָפּגעגרוילט — זיי האָבן באַרירט אַ קאַלטע, פייכטע קנאָכיקע האַנט.

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן שפּאַצירנדיק אַרום דעם קעלער און פאַרטראַכט אין זיינע געדאַנקען, און פאַרבייגייענדיק דעם גרויסן שטיין, אין וועלכן ראַגאָווין פלעגט פון צייט צו צייט באַקומען בריוו פון מענשן וועלכע פלעגן אים בעטן ער זאָל זיי העלפן אין זייער נויט, ראַגאָווין האָט באַמערקט אַ בריוו אין דעם שטיין און ער האָט עס גענומען און אויפגעעפנט.

דער בריוו איז געווען פון אַ יונגער אידישער מיידל מיט׳ן נאָמען בת־שבע רויז וועלכע האָט זיך פאַר אים באַקלאָגט אַז פּאַן טישקעוויץ באַלעסטיקט איר מיט זיין ליבע און אַז היינט צען אַזייגער ביינאַכט דאַרף זי אים באַגעגענען אין דעם גאָרטן שטיבל פון איר מוטער׳ס הייזקע. צווישן אַנדערש האָט זי געשריבן:

— אין מיין אַנגסט און נויט שרייב איך צו אייך, הער ראַגאָווין, איר זאָלט מיר העלפן אין דעם דאָזיקן אומגליק. דען איך ווייס גענוי וואָס דער דאָזיקער מענש פאַרלאַנגט פון מיר. איך בעט אייך, אַז אויב איר וועט קריגן דעם דאָזיקן בריוו זאָלט איר מיר באַלד העלפן.

בת־שבע רויז.

— אָרימע מיידל! — האָט ראַגאָווין אויסגערופן אַלס ער האָט איבערגעלעזן דעם דאָזיקן בריוו. — איך וועל איר העלפן. דען פון דעם דאָזיקן גראַף טישקעוויץ האָב איך שוין געהערט אַ סך אַנדערע מעשיות. איך וויל נאָר זען אויף וויפיל מיר וועלן גליקלאַך זיין מיט לעמקע׳ן.

אָבער קיין גליק מיט לעמקע׳ן האָבן די חברים ניט געהאַט. זיי האָבן אים ניט געקאָנט אַנטדעקן, און ראַגאָווין האָט באַשלאָסן אויפצוגעבן דאָס זוכן, דען די צייט איז געווען קורץ און ער האָט נאָך היינט געוואָלט העלפן דער אָרימער אידישער מיידל פון טישקעוויץ׳עס הענט.

אין דער דאָזיקער צייט איז פּאַן טישקעוויץ געזעסן אין זיין טואַלעט צימער וואו ער האָט זיך געלאָזט אַנטאָן פון זיין דינער, און אויף וועלכן ער האָט זיך געבייזערט און געשריען און אים איין מאָל געוואָרפן זיין ראַזיר מעסער.

גראַף טישקעוויטש איז געווען אַ שטיק משוגענער, אַ ווילדער און אַ קאַפּריזנער, ווי אַלע אַנדערע גרויסע פּוילישע פּריצים פון זיין סאָרט. ער איז געווען אַ גוואַלדיקער פאַרשווענדער, אָבער פאַר זיינע מענשן איז ער געווען שרעקלאַך קאַרג. ער האָט געשאָטן אַרום זיך מיט געלט, זיינע אַרבעטער האָבן אָבער געמוזט אַרבעטן זייער שווער, אָן אַ מאָס און אָן אַ צייט און האָבן קיינמאָל ניט געקראָגן באַצאָלט פאַר זייער אַרבעט. טישקעוויטש׳עס משוגעת׳ן זיינען געווען באַקאַנט אין דער לענג און דער ברייט פון לאָווינער געגנט, אַזוי, דאָס מען איז שוין געווען צוגעוווינט, אַז רעדנדיק מיט אַ מענשן גאַנץ פריינטלאַך, זאָל ער פּלוצלונג נעמען אַ בייטש און אָנהויבן שלאָגן דעם מענשן, צו וועלכן ער איז געווען גאַנץ פריינטלאַך.

מיט זיין יונגען אידישן אַרבעטער, נחום זיוו איז טישקעוויטש געווען ווייניקער רעספּעקטיש, דען ער האָט געהערט, אַז דער איד איז אַ רעוואָלוציאָנער, אַ מיאַטעזשניק, אָדער גאָר אַ אַנאַרכיסט, און דער פּוילישער פּריץ פלעגט אימער זאָגן, דאָס אַזעלכע מענשן דאַרף מען אויפהענגען; אָבער ער אַליין האָט פאַר זיי מורא געהאַט, און פלעגט זיי אויסמיידן; ער פלעגט דאַרום אויף דעם אידן זען ווייניקער ווי זיינע אַנדערע אַרבעטער.

פון דעסטוועגן, האָט נחום זיוו אויך פיל געליטן פון זיין משוגענעם פּריץ. איבערהויפּט האָט ער געליטן דערפון, וואָס טישקעוויטש פלעגט פאַר אים אויסזוכן אַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט, אַזוי דאָס דער יונגער מאַן פלעגט זעלטן קאָנען זען זיין געליבטע בת־שבע.

ביז ענדלאַך האָט ביי אים געפּלאַצט דער געדולד און ער האָט באַשלאָסן צו אַנטלויפן פון הויף, מעג זיין וואָס עס וויל.

און דאָס איז געווען אין יענעם אָוונט, ווען נחום זיוו איז געווען אַנטשלאָסן, אַז שפּעט אין דער נאַכט וועט ער זיך אַרויס׳גנב׳ענען פון הויף אום צו גיין צו זיין געליבטער און צו באַשטימען, ווען זי זאָל צוזאַמען מיט אים אַנטלויפן.

ווערנד נחום זיוו האָט ביי דער אַרבעט געמאַכט זיינע פּלענער וועגן אַנטלויפן מיט זיין געליבטער איז גראַף טישקעוויטש געגאַנגען צו דער אָרימער אידישער הייזקע הינטער דער שטעטל, וואו ס׳האָט געוואוינט בת־שבע׳ס מוטער און וואו ער האָט באַשטימט צו באַגעגענען זיך מיט דער טאָכטער.

דער גראַף איז געווען איינגעוויקלט אין אַ ברייטן מאַנטל און אויף זיין קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ הוט מיט ברייטע ראַנדן אום מען זאָל אים ניט דערקענען.

מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרצן פון שרעק און מיט טרערן אין די אויגן איבער איר שווערן שיקזאַל האָט בת־שבע רויז דערוואַרט דעם גראַף־שאַרלאַטאַן אין דעם קליינעם גאָרטן פון איר מוטער׳ס וואוינונג. זי האָט אים דערוואַרט, ווייל זי האָט מורא געהאַט פאַר איר מוטער, פאַר איר געליבטן און פאַר אים זעלבסט. דען טישקעוויטש איז געווען דער מעכטיקסטער מאַן אין יענער געגנט פון ליטע. אויף גראַף טישקעוויטש׳עס לאַנד, וואָס האָבן זיך געצויגן מיילן ווייט דורך ליטע און פּוילן, האָבן געוואוינט צענדליקער טויזנטער מענשן. גאַנצע שטעט און דערפער זיינען געווען געבויט אויף זיין ערד, און די דאָזיקע אַלע טויזנטער מענשן האָבן דעם משוגענעם קאַפּריזנעם פּריץ באַטראַכט אַלס זייער הערשער און האָבן געציטערט פאַר אים.

די שיינע אָרימע בת־שבע האָט דאַרום שפּעט אין דער נאַכט דערוואַרט דעם גראַף, ווייל ער האָט איר באַפוילן, אָבער ווען ער האָט זיך געזעצט לעבן איר אין דער קליינער גאָרטן שטיבל, האָט ער ניט באַמערקט די טונקעלע געשטאַלטן, וואָס האָבן פאַרביי געשוועבט פאַרביי דעם קליינעם פענסטער.

— ער איז שוין דאָ, דער הונט! — האָט געמורמלט אַ שטימע, — הער נאָר צו, ראַגאָווין, דאָס בעסטע וואָלט געווען ווען איך זאָל אים איינפאַך אַראָפּנעמען זיין קאָפּ.

— זייט געדולדיק סעמיאָן, — האָט ראַגאָווין אים געענטפערט שטיל, — ער וועט שוין קריגן פון אונז זיין חלק.

מיט די דאָזיקע ווערטער האָט ער זיך געשטעלט לעבן פענסטער אַזוי, דאָס ער זאָל קאָנען זען און הערן וואָס אין איינווייניק קומט פאָר, ווערנד ער אַליין זאָל בלייבן אומבאַמערקט.

— מיין ליבעס קינד, — האָט ער געהערט דעם גרויסן פּריץ ריידן, רוק זיך צו אַביסל נענטער צו מיר.

ציטערנדיק מיט אַלע אירע גלידער האָט די דערשראָקענע אידישע מיידל דערפילט זיין באַפעל.

דער גראַף האָט אָנגענומען איר שמאָלע און ווייסע האַנט, האָט איר מיט אַ שטאַרקער קראַפט צוגעצויגן צו זיך און ער האָט איר אַרומגענומען אַרום איר טאַליע.

די אידישע מיידל האָט געוואָלט איידל זיך באַפרייען פון אים, דען זי האָט מורא געהאַט צו דערצאָרענען דעם פּריץ, דאָך איז איר דאָס ניט געלונגען; דען טישקעוויטש האָט איר אימער פעסטער צוגעדריקט צו זיך.

— איך גלויב ניט דאָס דו ביזט אַזאַ נאַר, דאָס דו זאָלסט ניט פאַרשטיין אַז איך ליב דיך, — האָט דער מעכטיקער שאַרלאַטאַן געריידט צו איר מיט אַ פאַרשמאַכטער שטימע, — דו ביזט שיין, דיין נאָמען איז רויז, און דו ביזט טאַקע פּרעכטיק ווי אַ רויז. אָבער דו וועסט פאַרוועלקט ווערן אין אָרימקייט און אין גראָבער אַרבעט אַלס אַ דינסט. איך ווייס אַז דו ליבסט נחום זיוו׳ן, אָבער ער איז דאָך אויך אַן אָרימער און גראָבער אַרבעטער אין די הענט פון די דייטשן, נאָר אויב דו ווילסט, וועל דיר געבן די מעגלאַכקייט אים צו הייראַטן. איך וועל אייך ביידן געבן אַ סך געלט, און אויסער דעם וועל איך אים פאָלשטענדיק פריי מאַכן פון דער דייטשער מיליטערישער מאַכט. דו ווייסט דאָך אַז איך בין פּאַן טישקעוויץ

(פאָרזעצונג קומט)

מזל טוב

צו די

חתנים און כלה׳ס

פון היינטיקן מאָנאַט

מיר האָפן אַז איר וועט זיין זייער גליקלאַך

קאָנען מיר אייך איינלאַדן צו פּראָבירן רעד ראָז טיי?

רעד ראָז
גרין לייבל טיי

רעד ראָז
אָרענדזש פּיקאָ טיי

רעד ראָז טיי

איז „גוטער טיי״

לאָנג דיסטאַנס פראַכט און עקספּרעס דעליווערי

אַ פאָלשטענדיקע טראַנספּאָרטאַציע באַדינונג
פון ווינניפּעג ביז ברענדאָן
און אַרומיקע פּונקטן

פּאָפּלאַר פּאָינט, פּאָרטעדזש־לאַ־פּריירי, בענאָט, מעקגרעגאָר, אָוסטין, סידני, קאַרבערי, קעמפּ יוז, ברענדאָן.

שנעלע, גוטע און עקאָנאָמישע דעליווערי פון אַלע סאָרטן סחורות. טעגלאַכע באַדינונג.

קיין טשאַרדזש פאַר דיסטריביוציע אין ברענדאָן.

קלאַסיפיקאַציע פון סחורות ביי אייזנבאַן, סטאַנדאַרד ביז צום פערטן קלאַס. סחורות זיינען אינגאַנצן אינשורט קעגן פייער, גנבה, עקסידענטן.

אונטער פּערזענלאַכן אויפזיכט פון
ה. שייפער

INTER-URBAN TRANSPORTATION Co.
אָפיס, וועירהויז און גאַראַדזש
COCA COLA BLDG., WINNIPEG

ווינניפּעג אָפיס טעלעפאָן 29 888
ברענדאָן אָפיס טעלעפאָן 3369

זי האָט געטרוימט פון ליבע און גליק
ער פון גאָלד און לוקסוס

פּאָעטן האָבן זייער ליבע באַזונגען, מענשן האָבן זיי מקנא געווען, אָבער קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס הינטער די קוליסן טוט זיך

פון א. סוויטמאַן

אין בודאַפּעסט קומט איצט פאָר אַ זייער סענסאַציאָנעלער מאָרד פּראָצעס. אַ יונגער אַריסטאָקראַט, אַ באַוואוסטער אַדוואָקאַט, אַ גרויסער מלחמה העלד, ווערט געמשפּט פאַר דערמאָרדן זיין יונגע, שיינע פרוי, די געוועזענע אַננאַ פאַרגאַש, אַ שטערן פון דער אונגאַרישער בינע.

אַז אַ מאַן זאָל דערמאָרדן אַ פרוי, אַ פרוי אַ מאַן איז שוין היינטיקע צייטן ניט אַזאַ גוואַלדיקע נייעס, און דאָך איז דער דאָזיקער מאָרד איינער פון די גרעסטע סענסאַציעס.

אַננאַ פאַרגאַש איז געווען אַ קינד פון אָרימע עלטערן, אָבער די נאַטור האָט איר באַגאַבט מיט שיינקייט, חן און מיט אַ גרויסער קינסטלער נשמה. צו ניינצן יאָר האָט זי איבערראַשט און אַנטציקט די גרעסטע דראַמאַטישע קריטיקער פון אייראָפּע, און זי האָט געפאַנגען די הערצער פון די צושויער. פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט באַלד געקראָגן פיל מעגנער פאַרערער, וואָס האָבן זיך געוואָרפן צו אירע פיס, געבעטן איר האַנט און איר האַרץ.

זי האָט איינעם אויסגעקליבן, דעם וואָס ז׳ האָט געדיינקט אַז ער איז דער שענסטער, דער איידעלסטער און דער ווירדיקסטער צו זיין איר לעבנס באַגלייטער. זי האָט געהייראַט מיט׳ן יונגן אַדוואָקאַט באַלאַ ערדערלי, אַ מלחמה העלד, אַ גרויסער ספּאָרט און וועמען מען האָט געהאַלטן פאַר אַ רייכן מאַן.

די הייראַט איז געווען דער שלוס פון אַ זייער ראָמאַנטישער ליבע, אַ ליבע, וואָס איז באַזונגען געוואָרן פון פּאָעטן. אין דער חתונה האָבן זיך באַטייליקט די קינסטלער וועלט פון בודאַפּעסט און אויך די אַריסטאָקראַטיע.

אַ גאַנץ יאָר צייט האָט דאָס פּאָרל געלעבט אין זייער ליבעס נעסט אין אַ ווילע אין די קאַרפּאַטן בערג.

מיט עטלאַכע וואָכן צוריק איז גאַנץ בודאַפּעסט, ווי פון אַ דונער געטראָפן געוואָרן, ווען עס איז אָנגעקומען די נייעס אַז די גרויסע קינסטלערין איז פּלוצלונג געשטאָרבן אין אַ האָטעל אין די טיראָלער בערג אין עסטרייך.

דער עולם האָט נאָך רעכט ניט אָפּגעאָטעמט פון דער שרעקלאַכער בשורה, ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט דעם אומגלויבלאַכן פאַקט, אַז דער קינסטלערינס מאַן איז אַרעסטירט געוואָרן אויף דער קלאַגע, אַז ער האָט זיין פרוי דערמאָרדעט.

די אויספאָרשונג וואָס די עסטרייכישע און אונגאַרישע פּאָליציי האָט געמאַכט, האָט פעסטגעשטעלט די פאָלגנדע פאַקטן:

ערשטנס: האָט ערדערלי צוגערעדט זיין פרוי צו פאָרן מיט אים אין די טיראָלער בערג, און צווייטנס, האָט ער איר באַאיינפלוסט אַרויפצושטייגן אויף איינעם פון די העכסטע און געפערלאַכסטע בערג, אַז פון דעם באַרג איז זי אַרונטערגעפאַלן, אָבער דורך אַ צופאַל איז זי אַרויפגעפאַלן אויף די צווייגן פון אַ ריזיקער בוים און זי איז געבליבן לעבן. בערג־וועכטער האָבן געהערט, ווי די יונגע קינסטלערין האָט געזאָגט אַז איר מאַן האָט איר אַ שטופּ געטאָן און דערפאַר איז זי אַרונטערגעפאַלן.

די פרוי איז אַ לייכט פאַרוואונדעטע געבראַכט געוואָרן אין האָטעל. דעם זעלבן טאָג האָט זי זיך גענומען באַקלאָגן אַז זי האָט שמערצן אין מאָגן, מען האָט געבראַכט אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט דערקלערט אַז זי איז אויסער געפאַר. אויף מאָרגן איז איר צושטאַנד געוואָרן ערגער, זי האָט זיך באַקלאָגט אַז זי פילט זיך זייער שוואַך און אַז זי קאָן ניט שלאָפן.

דער דאָקטאָר האָט איר פאַרשריבן אַ שלאָף מיטל.

ווען דער דאָקטאָר איז אויפ׳ן צווייטן טאָג ווידער געקומען, האָט אים דער קראַנקער׳ס מאַן באַגעגנט אין דער לאָבי פון האָטעל און אים געזאָגט אַז זיין פרוי שלאָפט, און ער וויל ניט אַז מען זאָל איר שטערן. מיט אַ טאָג שפּעטער האָט ער ווידער באַגעגנט דעם דאָקטאָר און האָט אים געזאָגט אַז זיין פרוי איז שוין פאָלשטענדיק געזונט. דעם זעלבן טאָג האָט ערדערלי אויך אָפּגעזאָגט די נוירס.

אויף מאָרגן, פיר אַזייגער נאָכמיטאָג האָט מען אויף שנעל גערופן דעם דאָקטאָר אין ערדערלי׳ס אַפּאַרטמענט. דער דאָקטאָר האָט געפונען די קינסטלערין אין בעט טויט. ערדערלי האָט דערציילט דעם דאָקטאָר אַז זי איז פּלוצלונג געשטאָרבן, און געבעטן אים אָנשרייבן אַ טויטן־סערטיפיקאַט.

— וואו איז די נוירס? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט.

— איך האָב איר נעכטן אָפּגעזאָגט.

דעם דאָקטאָר איז די זאַך געוואָרן פאַרדעכטיקט, און ער האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ גענויע אונטערזוכונג.

ער האָט געפונען צייכנס אויפ׳ן קערפּער, וואָס זיינען אַן אָנזאָג אַז גיפט איז געברויכט געוואָרן. ער האָט געפונען פינגער־צייכנס, ביי איר אויפ׳ן האַלז, אַ סימן אַז זי איז געוואָרגן געוואָרן, ער האָט אויך געפונען אַ פלעשל מיט גיפט אין הויז. דער דאָקטאָר האָט וועגן דעם געלאָזט וויסן דער פּאָליציי.

די אורזאַכע פון דעם שוידערלאַכן מאָרד איז געווען, וואָס ערדערלי האָט געוואָלט קריגן די הונדערט טויזנט דאָל. אינשורענס, וואָס זיין פרוי האָט געטראָגן.

היינט אויף דער ראַדיאָ

CKY
ווינניפּעג
3.00—מוזיק.

CNRW 780
ווינניפּעג
10.00—וועסטערן נעטוואָרק פּראָגראַם פון מינאַקי, אָנט.

CJRW 499.7
פלעמינג.
5.40—מוזיק.
6.15—אַנקל פּיטער.
7.00—מוזיק.

CJGX 650
יאָרקטאָן
7.15—פאַרמערס פּריירי ראַדיאָ שעה.

WTAM 1070
6.00—קליוולאַנד. אַרטיסטן שטונדע.

WLW 700
6.30—סינסינאַטי. קלאַסיקס.

WDAF 610
7.00—קענזאַס סיטי. פּראָגראַם.
8.00—קענזאַס סיטי. אָרקעסטער.
9.00—קענזאַס סיטי. קלאַסיקס.

WENR 870
10.00—שיקאַגאָ. וואָדעוויל.

WMAQ 670
10.00—שיקאַגאָ. קאָנצערט אָרקעסטער.

WTAM 1070
10.00—קליוולאַנד. מעלאָדיעס.

WLW 700
11.00—סינסינאַטי. אָרקעסטער.

NEW PALACE THEATRE

היינט, מאָרגן און שבת
פעני בריים אין
„בי יורסעלף״
אַ דורכאויס ריידנדיק בילד
אויף אַ קאָמעדיע

פאַרזיגלטע טענדערס אַדרעסירט צו דעם אונטערגעצייכנטן און אינדאָרסירט „טענדער פאַר פּאַבליק בילדינג, אָוק לייק, מאַנ.״, וועלן אָנגענומען ווערן ביז 12 אַזייגער בייטאָג (דעיליייט סייווינג) מיטוואָך דעם 13טן אויגוסט, 1930, פאַר דער קאָנסטרוקציע פון אַ פּאַבליק געביידע אין אָוק לייק, מאַנ.

פּלענער און ספּעסיפיקאַציעס קאָן מען זען און פאָרמעס פון טענדער צו באַקומען אין די אָפיסעס פון דעם טשיף אַרכיטעקט, דעפּאַרטמענט אָף פּאַבליק וואָרקס, אָטאַוואַ, ביים רעזידענט אַרכיטעקט, קאָסטאָמס בילדינג, ווינניפּעג, מאַנ. און ביים פּאָסטמאַסטער, אָוק לייק, מאַנ.

טענדערס וועלן ניט גענומען ווערן אין אַנבאַטראַכט סיידן געמאַכט אויף די פאָרמעס צוגעשטעלט פון דעם דעפּאַרטמענט און אין אַנקלאַנג מיט די אָנגעוויזענע קאָנדיציעס.

יעדער טענדער מוז באַגלייט ווערן מיט אַן אַקצעפּטירטן טשעק פון אַ געטשאַרטערטער באַנק, צאָלבאַר צום מיניסטער פון פּאַבליק וואָרקס, אין פאַרגלייך צו 10 פּראָצענט פון דער סומע פון דעם טענדער. באָנדס פון דאָמיניאָן אָף קענעדאַ אָדער באָנדס פון דער קאַנאַדער נאַציאָנאַלער אייזנבאַן קאָמפּאַני וועלן אויך אָנגענומען ווערן אַלס סעקיוריטי, אָדער באָנדס און אַ טשעק אויב פאַרלאַנגט אָפּצומאַכן אַ פאַרשיידענע סומע

באַמערקונג.—בלויע פּרינטס קאָן מען באַקומען אין׳ם אָפיס פון דעם טשיף אַרכיטעקט, דעפּאַרטמענט אָף פּאַבליק וואָרקס, דורך דעפּאָזיטן אַן אַקצעפּטירטן באַנק טשעק אויף דער סומע פון $10.00 צאָלבאַר צום מיניסטער פון פּאַבליק וואָרקס, וואָס וועט צוריקגעקערט ווערן אויב דער אָנבאָטער גיט אָן אַ רעגולערן אָנבאָט.

ביי אָרדער,

N. DESJARDINS,
Secretary.

Department of Public Works,
Ottawa, July 23, 1930.

יזכור

צבי ניוסטאָן ע״ה

מיט גרויסע שמערצן און מיט אַ טיפער וואונד אין האַרצן באַדויערן מיר דעם טויט פון אונזער ליבן פעטער. מיר שיקן אונזער טרייסט צו אונזער מומע און שוועגערן, אונזערע קאַזינס מיט זייערע פאַמיליעס זאָל די צייט היילן אייער גרויסן פאַרלוסט און איר זאָלט שוין מער קיינמאָל פון קיין צער ניט וויסן.

מרס. ל. וואַכנאָוו
און טאָכטער

מר. און מרס. א. וואַכנאָוו
מר. און מרס. ס. מאַקראָוויטש
מר. און מרס. א. וו. שיינים

אין פּעלעס טעאַטער

היינט ווערט געוויזן דאָס שפּאַנענדע בילד „בי יורסעלף״, אַ דורכאויס ריידנדיק בילד, מיט פעני בריים אין דער הויפּט ראָל. „בי יורסעלף״, איז אַ געשיכטע פון די ניו יאָרק נאַכט קלובן און די פּרייז רינגס. אין דעם קעסט פון די הויפּט ראָלן באַטייליקן זיך הערי גרין, גערטרוד אַסטאָר, באָב פין און דער 14 יאָריקער דזשימי טאַלסאָן, וועלכער מאַכט זיין סקרין דעביוט אין „בי יורסעלף״. עס ווערט אויך געוויזן אַ שיינע קאָמעדיע און אַנדערע פיינע נומערן. זעט און הערט עס אין פּעלעס־טעאַטער.

(::)

נאַציאָנ. פאָנד באַריכט

דער ציוניסטישער אָפיס פון מערב קאַנאַדע באַריכטעט, אַז פאַרן מאָנאַט יולי איז אַריינגעקומען געלט פאַר׳ן נאַציאָנאַל פאָנד, געזאַמלט דורך די נ. פ. פּושקעס, פון די פאָלגנדע שטעט און שטעטלאַך:

רעדזשיינע; ספּרינגסייד, סאַסק. (סעם סיגאַל); גודעיו, סאַס. (ס. קאַנאָווסקי); אינסינגער (י. סניידער); בוקענען (מ. סטאַניאַלאָף); בעטהון (ה. ערעס); ברענדאָן מאַנ., יאָרקטאָן, סאַסק; ברודערהיים, אַלטאַ.; הומבאָלדט, סאַסק.; וועגרעוויל, אַלטאַ.; די פּאַס, מאַנ.; סוויפט קורענט, סאַסק.; פּאָרט וויליאַם, אָנט.; אידענברידזש, סאַסק.; ברוקסבי, סאַסק.; סטאַר סיטי (דזש. בראַנדי); ראַטנער, סאַסק.; רידזשדייל, סאַסק.; לידער, סאַסק.; ראָסטערן, סאַסק. (ס. בערקער); מאַרסעלין, סאַסק. (מ. איידלמאַן); בווירטש הילס, סאַסק (פ. ברוזער); טיסדייל, סאַסק (הערי לייאַנס).

די נעקסטע אויסליידיקונג פון די נ.פ. פּושקעס וועט געמאַכט ווערן זונטאָג דעם 3טן אויגוסט.

צו אַ סוחר

בלייבן די געשעפטן שטיין — אַדווערטייזט!
וויל דער מאַרק ניט העכער גיין — אַדווערטייזט!
קרעכצן — וועט אייך גאָר ניט העלפן;
זאָרגן — ברענגען ניט די סענטן;
ווילט איר איבערקערן וועלטן
אַדווערטייזט!

„גוטע צייטן״ — טראַכט מען אויס!
אַדווערטייזט.
„גוטער ווילן״ — בויט מען אויס!
אַדווערטייזט.
שווימט אַריבער שלעכטע צייטן;
וואַרפט אַרויס די שוואַרצע זייטן;
זייט מיט גרויסע מענשן גלייכן:
אַדווערטייזט!

ווילט איר וואָס איר האָט — פאַרקויפן:
אַדווערטייזט!
ווילט מען זאָל צו אייך גאָר לויפן:
אַדווערטייזט!
אַדווערטייזט — די סחורה היינט;
אַדווערטייזט — מיט ברייטער האַנט;
אַדווערטייזינג — צאָלט זיך באַלד —
אַדווערטייזט!

גרענוויל קלייזער

פריי איבערזעצט פון חיות.

Classified Section קלאַסיפייד סעקשאַן

ספּעציעלע פּרייזן פאַר אַדווערטייזינג אין דער קלאַסיפיצירטער אָפּטיילונג

איין מאָל, 5 ס. פער „אַגייט ליין״
פאַר אַ וואָך, 20 ס. ״
פאַר אַ מאָנאַט, 75 ס. ״
פאַר 3 מאָנאַטן, $2.15 ״
פאַר 6 מאָנאַטן, $4.00 ״
פאַר 1 יאָר, $7.50 ״

:: צו פאַרקויפן ::
FOR SALE

שיינע הויז פון 8 צימערן, אָוק פלאָרס, דאַבל גאַראַדזש, 60 פוס לאָט, שיינער לאָן מיט ביימער, בלויז 2 בלאָק פון מיין סטריט. אַ זעלטענע מציאה פאַר $4,500.
אויך אַ גרויסע מציאה אין אַ 7 רומיקער באַנגאַלאָ אין דעם שענסטן געגנט אין נאָרט ענד, כמעט פאַר 50 סענט אויפן דאָלאַר. פאַרגעסט ניט אַז ניט אַלע טאָג טרעפט זיך אַזאַ געלעגנהייט.

סוויטס צו פאַררענטן אין פאַרשיידענע בלאָקס אין דער נאָרט ענד.
אינשורענס פאַר אַלערליי צוועקן. געלט צו לייען אויף 6½ פּראָצענט.

Sheps Agencies Ltd.
804 מיין סטריט
טעלעפאָנס 761 55 און 807 53

צו פאַרקויפן אַ מילך ראוט, מיט ווינציק געלט. מען קאָן מאַכן אַ שיין לעבן. אויך פאַרבאַטן פון דאָקטאָר צו פאָרן אויפן וואָגן. פרעגן מר. בלעק 423 אַנדערסאָן עוו.

צו פאַרקויפן אַ שיינעם וואָלנאַט דיינינג רום סעט. ביליק. איינגעטימער פאַרלאָזט די שטאָט. זיך ווענדן 369 מאָונטען עווע.

צו פאַרקויפן אָדער פאַררענטן
300 טרענט עווע.

גראָסערי און בוטשער שאָפּ מיט 6 רום סוויט. ניי דעקאָרירט. גרויסער „באַרן״ דערביי. סייל פּרייז $4,000. רענט $45 אַ מאָנאַט. זיך ווענדן צו

NETHERLANDS TRUST CO. LTD.
400 National Trust Bldg. Phone 26 803

מאָדערנער קאָטעדזש, 5 רומס אונטן און 3 רומס אויבן, מיט אַ סטייבל, אויף סעלקירק עווע. פּרייז בלויז $2,700.

8 רום פולי מאָדערן הויז אויף קאַלעדזש עווע., לעבן מיין סט. שיין דעקאָרירט. פּרייז $4,500.

7 רום הויז אויף אַבערדין, פולי מאָדערן, האַרדוואָאָד פלאָרס, אין ערשט קלאַסיקן צושטאַנד. פּרייז $4,500.

קאָטעדזשעס, הייזער און באַנגאַלאָוס אויף באַרגעין פּרייזן איבעראַל.
אויב איר ווילט אַ הויז, זעט

ה. פּערלמאַן און נ. זעלטשען
MUTUAL AGENCIES
796 Main Street Phone 51 000

:: פּערזענלאַכעס ::
PERSONAL

SIMPSON & COMPANY
ביילִיפס
לייסענסד און באָנדעד
ר. סימפּסאָן, מענעדזשער
404 McINTYRE BLOCK PH. 88 008

נעלט!
פאַר אייערע באַלדיקע נויטן
$50 ביז $500
צוועלף מאָנאַטן צו באַצאָלן עס צוריק.
ריזאָנייבל רייטס. פּינקטלאַכע באַדינונג
שטרענג פאַרטרויאַך
אָפן טעגלאַך ביז 7.30 נאָכמיטאָג.
General Loan and Insurance Agency
718 Somerset Block, Winnipeg
Phone 24 789

R. B. ORMISTON
פלאָריסט
צוויי סטאָרס צו אייער באַדינונג
96 Osborne St., Phone 42 386
340 Portage Ave., Phone 24 791
בלומען טעלעגראַפירט איבעראַל

פאָונדיישאָנס פאַר מצבות געמאַכט און פאַרריכט פאַר אייער צופרידנהייט.
JOHN SCHALER
Phone 5993921

A. MUIR
אויטאָריזירטער
דוקאָ פינישינג סטיישאָן
פענדערס און באָדי ריפּעירס
376 FURBY ST.
PH. 33 255

לייף אינשורענס
בעסער צו האָבן אַ פּאָליסי און ניט דאַרפן עס, איידער דאַרפן דאָס און ניט האָבן.
P. A. TEMPLETON
807 Electric Railway Chambers
Phone 89 688

מיר דעליווערן
מיר האַלטן אַ פולשטענדיקן סטאָק פון קרימס, פּאָודערס, פּאַטענטירטע מעדיצינען און א. וו. מיר קומען נאָך פּרעסקריפּשאַנס און מיר דעליווערן צו יעדער צייט. מעיל אָרדערס פּינקטלאַך אויסגעפילט.
SERVICE DRUG STORE
962 Main St. at Selkirk. Phone 55 354

דיינקט!
מענערשע קליידער. יערלאַכע סייל פּרייזן.
סוטס מיט צוויי פּאָר הויזן פאַר דעם פּרייז פון אַ סוט מיט איין פּאָר
SCANLAN & McCOMB
417½ PORTAGE AVENUE

:: צו פאַררענטן ::
FOR RENT

צו פאַררענטן אַ הויז אין 472 פּריטשאַרד עווענױ. זיך ווענדן אין 466 בעראָוס עווענױ, סוויט 3.

צו פאַררענטן אַ צוויי רום סוויט, גרויסע ליכטיקע רומס, מיט אַלע באַקוועמלאַכקייטן. זיך ווענדן אין 496 אַבערדין עווע.

צו פאַררענטן אַ שיינע געפורנישטע רום מיט באָרד, בלויז פאַר אַ יונגן מאַן. זיך ווענדן טעלעפאָן 55 904.

צו פאַררענטן אַ סוויט פון 3 רומס אין אַ פּריוואַטער הויז, ניי דעקאָרירט, אַריינצומופן דעם 15טן אויגוסט. פרעגן 420 מאַניטאָבאַ עווענױ.

צו פאַררענטן אַ 3 רום סוויט. עלעקטרישער אייזן, הייסע וואַסער און פּריוואַטער טעלעפאָן. זיך ווענדן 460 סעלקירק עווע.

געפורנישטע רום צו פאַררענטן
זיך ווענדן צו
484 פלאָרא עווענױ

:: שטעלע פאַרלאַנגט ::
SITUATION WANTED

אַ רוסישע גראַדואירטע נוירס, פאַרלאַנגט אַ שטעלע אַלס נוירס ביים טאָג, וואָך אָדער מאָנאַט. מעסיקער געהאַלט. זיך ווענדן צו מיס נירענבערג, טעל. 57 842.

אַרבעטער פאַרלאַנגט
HELP WANTED

הויזקיפּער פאַרלאַנגט. — אַ מיטל יאָריקע פרוי פאַרלאַנגט פאַר אַ קאַנטרי. זאָל אַכטונג געבן אויף 2 קינדער. שרייבט צו באָקס נומער 775 „דאָס אידישע וואָרט״.

מיר האָבן פּלאַץ אין אונזער אַדווערטייזינג דעפּאַרטמענט פאַר אַ יונגן מאַן, וועלכער קאָן גוט ענגליש און אידיש. מוז זיין ווילליק צו אַרבעטן און לערנען די ביזנעס. קיין אַנדערער זאָל זיך ניט ווענדן. קומט אין אונזער אַדווערטייזינג דעפּאַרטמענט יעדן טאָג פינף אַזייגער נאָכמיטאָג (חוץ שבת און זונטאָג), און פרעגט פאַר מר. מיינס.